**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט $8.3 מיליאן בריק פארבייט פראיעקט אויף I190 אין אירי קאונטי**

**נייע ביבער איילענדפארקוועיבריק וועט ארייננרעכענען דעהיינטיגטע פארזיכערונג קענצייכנס ווי אויך העכערן וועג געשטאלט, פארבעסערטע וועג פאסאד און ברייטערע פאַר ליניעס**

**אין די לעצטע פינעף יאר, האט דער טרו-וועי אויטאריטעט צוריק אינוועסטירט מער ווי $80.9 מיליאן צו פארבייטן און רעהאביליטירן 69 בריקן אין איר בופאלא דיוויזיע**

**דער יעצטיגער בריק איז פלאנירט זיך צו פארמאכן די וואך פון אפריל 3 פאר דער גאנצער צייט פונעם פראיעקט; אן הינטער וועג וועט זיין אויפן פלאץ**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אן $8.3 מיליאן פראיעקט צו פארבייטן דעם ביבער איילענד פארקוועי בריק איבער דעם ניאגארא טרו-וועי (I-190) אין אירי קאונטי, וואס איז פלאנירט זיך אנהייבן די וואך פון אפריל 3.

"גרענד איילענד איז אן אינטערגראלע אינטערנאציאנאלע טויער פאר טוריזם און האנדלס טראפיק ארייננצוקומען אין ניו יארק סטעיט, וואס באגריסט מילאנען מענטשן פון קאנאדא יעדעס יאר," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך פארבייטן דעם כמעט 70 יעריגן בריק, טוט דער טרו-וועי אויטאריטעט ווייטער מאדערניזירן די סטעיטס טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור, שאפנדיג א פארבעסערטע רייזע אנטערפונג און א לייכטערע פארעכץ פאר ניו יארקער."

עס געפונט זיך אין דעם שטעטל פון גרענד איילענד, איז דער ביבער איילענד פארקוועי בריק (אנווייזער 15.46) געבויעט געווארן אין 1954 און טראגט בערך 13,000 אויטאס א טאג איבער I-190. ווען עס וועט זיין פארטיג, וועט דער נייער בריק האבן ברייטער פאַר ליניעס, און עמערדזשענסי וועגראַנדן, העכערן וועג געשטאלט פון 14 פיס 2 אינטשעס צו 16 פיס 9 אינטשעס, נייע פארענטשן פאר אויטאס און נייע דערויסנדיגע פארוועג. דער יעצטיגער סטרוקטור ריכט זיך צו ווערן פארמאכט פאר אלע טראפיק די וואך פון אפריל 3, אז דער וועטער ערלויבט.

זינט 2018 האט דער טרו-וועי אויטאריטעט צוריק אינוועסטירט מער ווי $173.1 מיליאן אין קאפיטאל אינפראסטרוקטור פראיעקטן אין איר בופאלא דיוויזיע, ארייננגערעכנט מער ווי $80.9 מיליאן צו פארבייטן אדער רעהאביטיליזירן 69 בריקן די טרו-וועיס בופאלא דיוויזיע שפאנט פון I-90 אין ראטשעסטער ביז צום פענסילווועניע גרענעץ, ווי אויך פון דער ניאגארא טרו-וועי (I-190) פון דער טרו-וועי הויפטליניע ביז ניאגארא פאלס.

**טרו-ווער אויטאריטעט צייטווייליגע עקזעקוטיווע דירעקטאר פרענק האער האט געזאגט,** "דער ביבער איילענד פארקוועי בריק, אזוי ווי אסאך אנדערע בריקן אויף אונדזערע וועגן, איז דער ארגינאלער צו דער טרו-ווער סיסטעם און נייטיגט זיך צו ווערן פארביטן. מאטאריסטן וואס זענען זייער בריק געלט ארבעטן מיט אינפראסטרוקטורע פראיעקטן אזוי ווי די, וואס טוט צוריק אינוועסטירן דאס בריק געלט אויפצוהאלטן און לאנג-טערמיניגע כוח-הקיום פון אונדזער סיסטעם.  אדרעסירן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור איז א הויפט פריאריטעט, און מאטאריסטן וועלן הנאה האבן פון א פארבעסערטן רייזע טרעפונג אויפן נייעם בריק איינמאל וואס דער פראיעקט איז געפארטיגט."

**סטעיט סענאטור טים קענעדי האט געזאגט,** "דער ביבער איילענד סטעיט פארקוועי בריק דינט אלץ א לעבנס נייטיגע דורכפאר פאר גרענד איילענד איינוואוינער, אין במשך די יארן, האט זיך דער מצב פארערגערט מיטן באניץ. נאכן פרעגן די טרו-ווער צו צואיילן דער פארבייט פראיעקט, בין איך געווען צופרידן צו זען די אויטאריטעט פריאריטיזירן די פארריכטונגען און כולל זיין פובליק אפרוף אין חשובע פארבעסערונגען. דער פראיעקט איז נישט נאר אן אינוועסטירונג אין מערב ניו יארקס אינפראסטרוקטור, נאר אין די מענטשן וואס רופן גרענד איילענד זייער היים."

**אסעמבלימיטגליד אנדזשעלאו דזשיי. מארינעלא האט געזאגט,** "א דאנק פאר ניו יארק סטעיט טרו-ווער אויטאריטעט פארן אנערקענען די נייטיגקייט צו פארבייטן דעם כמעט 70 יאר אלטע ביבער איילענד פארקוועי בריק איבער דער ניאגארא טרו-ווי בריק פארבייט איז א פראריטעט פאר ניו יארק, און איך בין צופרידן אז גרענ איילענד איז געווארן אויסגעקליבן פאר איינע פון די ערשטע בריק פארבייטונגען."

אנהייבנדיג אין דער פרי מארגן פון אפריל 3, ריכט זיך דער ביבער איילענד בריק צו ווערן פארמאכט צו אלע סארט טראפיק די גאנצע צייט פונעם פראיעקט, וואס איז געפלאנט צו זיין פארענדיגט ביי דער ענדע פון 2023. די ארבעט ווענדט זיך שטארק אויפן וועטער און די דאטעס קענען זיך טוישן.

בשעת'ן קאנסטרוקציע, וועט דער ארויספאָר B18 (ביבער איילענד סטעיט פארק) ראמפע פון I-90 צפון זייט זיין פארמאכט. א 3.8 מייליגע הינטערוועג וועט צו פירן לאקאלע טראפיק צום ארויספאר 19 (ווייטהעיווען ראוד) צו האבן צוטריט צו I-190 צפון זייט אדער דרום זייט.  מאטאריסטן פארנדיג אויף I-190 דרום זייט קענען נעמען דרום פארקוועי ביי ארויספאר 18 (ביבער איילענד סטעיט פארק/נישט צפון זייט ארויספאר. הינטערוועג שילדן וועלן זיין אויפגעהאנגען.

יוניען בעטאן און קאנסטרוקציע קארפ. פון מערב סענעקא, NY איז דער קאנטראקטאר פאר דעם פראיעקט.

פארשידענע הודעה שילדן וועלן ראטן מאטאריסטן איבער די קאנסטרוקציע ארבעט און הינטערוועג אינפארמאציע.

דרייווערס ווערן דערמאנט אז אין ניו יארק סטעיט זענען קנסות געטאפלט פאַרן פאָרן שנעל אין אן ארבעט זאנע. אין איינקלאנג מיט דער ארבעט זאנע זיכערהייט געזעץ (Work Zone Safety Act) פון 2005, קען דאס באשולדיגט ווערן צוויי אדער מער מאל מיט ספיד פארלעצונגען אין אן ארבעט זאנע ברענגען צו דאס סוספענדירן פון דעם מענטש'ס דרייווער לייסענס.

פאר דערהיינטיגטע רייזע אינפארמאציע און אמת'ע צייט טראפיק קעמערעס, ווערן דרייווערס ערמוטיגט צו דאַונלאָודען די טרו-ווער אויטאריטעט'ס מאבילע עפּ וואס איז דא צו דאַונלאָודען אומזיסט אויף iPhone און Android אפאראטן.

מענטשן וואס רייזען, קענען אויך באזוכן דער טרו-וועי אטויריטעטס צווישנאקטיווערייזע-מאפעפאר טראפיק אמענדירונגען אין אמת'ע צייט און זיך איינשרייבן פאר TRANSalerts פאר טראפיק אינפארמאציע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן